# דברים חוצבים להבות אש

## שהשמיע כ"ק אדמו"ר מוויען שליט"א

### בסעודת נעילת החג שבת בראשית תשע"ב לפ"ק

## איזו היא תשובה גמורה

...דאס איז די עבודה בשעת מען גייט אוועק פון די הייליגע טעג, יעדער איד האט געהאט גוטע כוונות, יעדער האט אויף זיך מקבל געווען וואס ער דארף זיך צו טוישן במשך פונעם יאר, נאר אסאך מאל קומט אויס אז בשעת מעשה וויל מען טאקע זיך אויפפירן ווי עס דארף צו זיין, עס גייט אבער אדורך, און צוביסלעך פארגעסט ער, די יצה"ר איז דאך אויך דא, און ער נעמט אוועק פונעם זכרון די קבלות וואס ער האט מקבל געווען. אבער א איד דארף געדענקען, תשובה איז נאר חרטה על העבר וקבלה על להבא. חרטה על העבר אליין, ער האט חרטה אויף וואס ער האט געטוהן, אפילו רשעים זענען מלאים חרטות, פארוואס זאל ער נישט חרטה האבן, ער האט געטוהן אן עבירה, וואס האט ער היינט פון די עבירה וואס ער האט געטוהן נעכטן, ער האט דערפון גארנישט, ער האט נאר א פעקל צרות און גיהנום וואס ער דארף אדורך גיין דערויף, ער האט דאך גארנישט דערפון, פארוואס זאל ער נישט חרטה האבן, ער איז נישט קיין נארמאלער מענטש אויב ער האט נישט חרטה אויף די עבירה וואס ער האט געטוהן, ער פארדינט דאך דערפון גארנישט, נישט דאס איז תשובה.

תשובה איז קבלה על להבא, מען גייט ארויס נאך אזעלכע הייליגע טעג, זונטאג גייט מען אריין אין די וואכענדיגע טעג, יעצט איז די צייט אפירצונעמען דאס וואס דו האסט מקבל געווען אויף דיר, אויספירן מן הכח אל הפועל וואס איך האב זיך פארגענומען, איך וועל אנפאנגען צו טוהן און ארבעטן דערויף פון יעצט און ווייטער אז איך זאל עס קענען אדורכפירן, דעמאלס וועט נתגלה ווערן אז דיין תשובה איז א ריכטיגע תשובה.

**ווען א מענטש גייט אריין אין די וואכענדיגע טעג, און עס טוישט זיך ביי אים גארנישט פון וואס ער איז געווען פריער, זיין בלעקבערי איז געבליבן די זעלבע, זיין אינטערנעט איז געבליבן די זעלבע, אלע זאכן וואס ער האט זיך פארגענומען אז ער וועט זיך טוישן איז געבליבן די זעלבע, דער האלט נאך פאר ראש השנה, ער האלט נאך פאר יום הקדוש, ער האט נישט קיין סליחת עוונות, ער האט גארנישט, דאס איז נישט קיין תשובה, תשובה איז נאר ווען א מענטש איז מקבל אויף זיך מכאן ולהבא גיי איך זיין גוט, דאס איז תשובה.** חרטה על העבר, דאס וואס ער האט חרטה אויף פריער דאס איז נישט קיין תשובה. אז תשמח בתולה, ווען קען מען זיך פרייען מיט די תשובה פון חודש אלול (מזל בתולה), במחול, ווען מען גייט אריין אין חודש חשון (שמכוון נגד 'הללוהו בתף ומחו"ל'), און דעמאלס גייט מען אריין מיט די קבלות וואס מען האט מקבל געווען אויף זיך.

## איסור מן התורה להחזיק אינטערנעט בלי פילטער

מען דארף דאך נישט אזויפיל רעדן דערפון, מ'רעדט דאך אייביג דערפון, יעדער ווייסט מען דארף נישט מעורר זיין דערויף, דער אינטערנעט וואס פאר א חורבן דאס איז, וואס עס מאכט אן פאר זיך און פאר די בני בית, עס האט נישט קיין שיעור די ווערטער וואס זאלן קענען ארויסברענגען, וואס פאר א חורבן אין דעם ליגט.

יעדער ווייסט אז עס איז נישט גוט, דער יצר הרע איז געקומען, און ער האט איין גערעדט פארן מענטש אז מען דארף עס האבן, ער דארף עס פאר פרנסה, ער דארף עס פאר געשעפטען וכדומה, ער מיינט אז ער קען נישט לעבן אן דעם, און וועגן דעם האט ער די כלי אין שטוב. **אבער א איד דארף**

**וויסן, אז וואס עס איז נישט געפילטערט איז א איסור מן התורה צו האלטן אין שטוב, עס איז נישט דא קיין שום היתר שבעולם אז א מענטש זאל קענען האלטן א כלי וואס איז מלא תועבה ביי זיך אין שטוב, צו אין טאש, צו אין די ביזנעס, עס איז נישט קיין נפקא מינה וואו דאס איז, עס דארף זיין ביי אים בבל יראה ובל ימצא, נישט צורירן צו א כלי וואס עס איז נישט געפילטערט.**

מען קען זיך א עצה געבן, מען האט געלעבט אלע יאהרן אן דעם, מען קען ווייטער אויך אזוי לעבן, מען דארף וויסן זיך צו היטן דערפון, איינמאל אז מען פאלט אדורך, איינמאל אז מען ווערט צוגעוואונט דערצו, האט נישט קיין שיעור נאכדעם די ירידה וואס עס ברענגט צו, און מען שפירט עס שוין טאקע נישט שפעטער.

**עס זענען דא וואס זאגן אז עס איז שווער צו לעבן אן דעם, אבער עס איז דא א פילטער, און עס האט נישט קיין שום היתר צו קענען האבן א כלי וואס ער האט נישט ארויפגעלייגט קיין פילטער, מען קען לעבן אן דעם, עס איז נישט קיין שום סיבה ער זאל עס דארפן האבן. און טאמער ער קען נישט לעבן אן דעם, קען מען נישט אזוי לעבן!, מען קען נישט לעבן נאר ווי א איד לעבט!, ער עסט יום כיפור אויך נישט, און ער איז מחלל שבת אויך נישט, כאטשיג ער דארף עס פאר פרנסה, ווייל ער ווייסט אז ער איז א איד, און ער דארף טוהן וואס ער דארף!, האלטן אזא כלי אין שטוב איז נישטא קיין שום היתר שבעולם אז מען מעג עס טוהן..**

## מוטב לצאת באתרוג של חבירו, כדי לתקן בממונו פילטער על כליו

**און דאס וואס מען איז פשוט פויל, און מען האט נישט קיין צייט נאכצוגיין, איינער זאגט אז עס קאסט געלט, אלעס קאסט געלט, איך האב געזאגט דאס פאריגע מאל פאר א איד, קויף נישט קיין אתרוג אויף יום טוב, מען קען יוצא זיין מיט א צווייטענ'ס אתרוג, איין אתרוג וואס דו קויפסט קען אויסצאלן וואס עס קאסט דיר צו פילטערן דעם גאנצן בלעקבערי אויף א יאהר, קויף נישט קיין אתרוג דעם יאהר, דאס איז א גרעסערע מצוה ווי די מצוה.**

א איד דארף וויסן אז אונז לעבן אין א וועלט וואס איז מלא תועבה, און אין אזא תקופה דארף מען האבן מער שמירה פון וואס מען האט געהאט אלעמאל, און אונזער שמירה איז, אז וואס אונז קענען יא טוהן, זענען אונז מחוייב צו טוהן, און מען דארף עס טוהן.

## כי דבר ה' בזה ואת מצותו הפר

איך האב נאכגעזאגט שמחת תורה פונעם ביאור הלכה (סי' פ"ג ד"ה אין) וואס ער שרייבט אז ער האט געזעהן א איד, וואס אין זיין ספרים שטוב, האט ער געהאט א כלי וואס איז געווען א גרף של רעי, אמאל איז נישט געווען קיין בית הכסא'ס, האט מען געהאט א כלי וואס מען האט גענוצט, און עס איז געווען א ריח רע אינעם שטוב, און ער האט עס אנגעקוקט פאר א געוואלדיגער זלזול, אז אין א שטוב וואס עס איז דא ספרים זאל זיין אזא ריח רע, שרייבט דער הייליגער משנה ברורה 'וקריתי עליו המקרא הזה כי דבר ה' בזה' (במדבר טו, לא), און איך האב נאכדעם געזעהן אז ער האט געהאט א קינד וואס איז יצא לתרבות רעה, און זיין כבוד אליינס איז נאכדעם מזולזל געווארן ביי מענטשען, האב איך פארשטאנען אז דער אייבערשטער האט אים באצאלט, כל המחלל את התורה גופו מחולל על הבריות.

איז א איד צוגעקומען צו מיר נאכדעם און האט מיר געזאגט, **און וואס איז אז מען האט א אינטערנעט ביי זיך אין ספרים שטוב, וואס איז מלא תועבה מער וויפיל צואה, און דאס ברענגט ער אריין אין שטוב, און עס זענען דא וואס ברענגען עס אריין אין בית המדרש אליין, איז דאס דען א כבוד פארן בית המדרש, אריינברענגן א כלי וואס איז מלא תועבה, דאס איז נישט כי דבר ה' בזה?!, מען זעהט וואספארא סייעתא דשמיא מען דארף האבן היינט פאר קינדער אז זיי זאלן אויסוואקסן ערליך, און וויפיל זענען נישט זוכה דערצו, אלעס נעמט זיך פון דעם, מען טאר נישט מבזה זיין דעם דבר ה', א איד וואס גייט ארום מיט אזא כלי, דער איז דבר ה' בזה, איך וויל נישט זאגן וואס עס שטייט אין פסוק אליין אויסגערעכנט אויף דעם וואס איז דבר ה' בזה, עס איז א בזיון דבר ה'.**

## אין להחזיק סעלפאון בבית המדרש בעת התפילה

און אפילו עס איז פילטערט, מען דארף בכלל נישט אריינקומען אין א בית המדרש מיט א סעלפאון, מען קען עס לאזן אינדרויסען, מען קען עס לאזן אין קאר, אדער עכ"פ עס אויסלעשן, מען קען לעבן די שעה וואס א איד קומט דאווענען פארן אייבערשטען אן דעם, מען מוז נישט זיין פארנומען צו קוקן יעדע נייעס וואס מען האט אים געשיקט, און אפילו יעדע ביזנעס געשעפט, מען קען אויסהאלטען א שעה. אונזערע עלטערן האבן אויסגעהאלטען, זיי האבן אויך געפירט געשעפטן, מען האט נישט געהאט קיין סעלפאון, קוים א טעלעפאן וואס מען האט געהאט ווען מען איז אהיימגעקומען צו קענען ענפערן.

**פארוואס זאל מען זיך נישט געוויינען, אז די שעה וואס מען קומט דאווענען פארן אייבערשטען זאל זיין 'דאווענען', זיך אויסשאלטערן פון די וועלט, מייחד זיין זיינע דיבורים צום באשעפער, טראכטן פונעם אייבערשטען, רעדן צום רבונו של עולם, דארפסט דאך פרנסה, דארפסט נחת, דארפסט געזונט, ווי נעמט מען דאס, דאס נעמט זיך נאר פון די תפילות וואס א איד איז מתפלל, די תפילות דארפן זיין הייליג פארן אייבערשטען, מען דארף זיך פארנעמען אז מען קומט נישט אריין מיט קיין סעלפאון אין בית המדרש, מען לאזט עס אינדרויסען, עס איז א בזיון אז מען ברענגט דאס אריין, און**

**מען נוצט עס נאך אין ביהמ"ד אליין, עס שטייט א מנין אידן דאווענען, און ער האט שוין אפגעדאווענט, צו ער האלט פארן דאווענען, און ער נעמט ארויס זיין טעלעפאן און ער רעדט, קיינער ווייסט נישט וואו ער האלט, וואספארא בזיון כבוד ה' איז דאס, אז אינעם בית ה' פירט מען זיך אזוי ווי עס וואלט געווען א פלאץ דארט פאר זיינע געשעפטן.**

אונז זענען נישט גענוג משים לב, דאס איז אלעס נאר לייכטזיניגקייט, מען איז נישט משים לב וואס מען טוט, אבער מען האלט דאך נאך די הייליגע טעג, יעדער מענטש איז אנדערש יעצט מיט זיינע מחשבות פון וואס ער איז געווען א גאנץ יאהר, מען דארף אנפאנגען צוריק צו גיין צו די וואכענדיגע טעג, אראפלייגן זיינע 'גייד ליינס' פאר מארגן, וויאזוי איך קום מארגן צוריק אין ביהמ"ד, וויאזוי איך גיי מארגן אויסשטעלן מיינע כלים וואס איך האב.

## קביעות עתים לתורה עם חברותא בבית המדרש

לימוד התורה, וואס אן לימוד התורה איז מען נישט קיין איד, דער קבעת עתים לתורה, בפרט היינטיגע צייטן, בראתי יצר הרע בראתי לו תורה תבלין. **יעדער איד דארף האבן א שיעור קבוע וואס ער לערנט יעדן טאג, מען דארף קובע זיין עתים לתורה, זיך נעמען א חברותא צו זיצן און לערנען, איינעם קומט אויס גרינגער פארטאגס, איינעם קומט אויס גרינגער ביינאכט, עס איז נישט קיין נפקא מינה, אבער ער דארף האבן א שיעור קבוע לתורה, נישט אז מען נעמט א ספר און מען קוקט אריין דערין, נאר מען דארף לערנען גמרא, גמרא רש"י תוספות, יעדער לפי ערכו, זיך נעמען א חברותא, און זיין מיט א חברותא צוגעבינדען, ער זאל מחזק זיין דעם חבר, און דער חבר זאל אים מחזק זיין, און זיי זאלן זיצן און לערנען יעדן טאג ווען מען האט צייט, קובע זיין זיך א שיעור צוזאמען.**

גוט איז אז מען נעמט א שיעור וואס מען האט א ציל עפעס צו ענדיגען, ענדיגן א מסכתא, ענדיגן א הלכה, צו סיי וואס מען לערנט, און וואס מען לערנט, זאל זיין חק ולא יעבר, עס זאל נישט אדורך גיין א טאג וואס מען זאל נישט לערנען.

## אם אתה תבא אל ביתי אני אבא אל ביתך

עס שטייט אין די גמרא (סוכה נג.) ביי שמחת בית השואבה, אז הלל איז געקומען און ער האט געזאגט, צווישן די זאכן וואס ער האט דארט אויסגערעכנט, אז דער אייבערשטער זאגט 'אם אתה תבא אל ביתי', טאמער דו וועסט קומען צו מיר אין בית המקדש, דו וועסט קומען צו מיין שטוב, 'אני אבא אל ביתך', זאגט דער אייבערשטער איך וועל גיין צו דיר אינדערהיים. אונז האבן היינט נישט קיין בית המקדש, אונז האבן היינט נישט קיין תבא אל ביתי, אונז זאלן קענען גיין אינעם בית ה', אונז האבן אבער א מקדש מעט, דעם בית ה' האבן מיר, דער בית המדרש דאס איז דער בית ה', יעדער וואונטש זיך אז דער אייבערשטער זאל ארייננקומען צו אים אין שטוב, ווייל ווי דער אייבערשטער איז דא דארט איז דא ברכה, איש ואשה זכו שכינה שרויה ביניהם, ווי עס איז דא השראת השכינה דארט איז דא ברכה, יעדער וויל אז דער אייבערשטער זאל זיין ביי אים אינדערהיים.

**אבער דער אייבערשטער זאגט, איך וועל זיין ביי דיר אין שטוב, אם אתה תבא אל ביתי, ווען דו וועסט קומען צו מיר אין ביהמ"ד, ווען דו וועסט קובע זיין עתים לתורה אין ביהמ"ד, נישט לערנען אינדערהיים, נישט לערנען אויפן וועג, נאר לערנען אין א ביהמ"ד, זיצן און לערנען תורה מיט א חברותא. אם אתה תבא אל ביתי, אז דו וועסט קומען ערב ובקר וצהרים דאווענען אין ביהמ"ד אזוי ווי א איד דארף צו דאווענען, זאג איך דיר צו אז אני אבא אל ביתך, איך וועל זיין ביי דיר אינדערהיים, איך וועל זיין ביי דיר אין שטוב, איך וועל אכט געבן אויף דיר און דיינע בני בית און די קינדער אז זיי זאלן זיין געזונט, איך וועל אכט געבן ביי דיר אין די ביזנעס אז דיין פרנסה זאל זיין מיט הצלחה.**

אונז קענען זיך פארלאזן אויפן אייבערשטען, דער אייבערשטער וואס ער זאגט איז אמת, דער אייבערשטער פירט די גאנצע וועלט, אונז האבן גארנישט אויף דער וועלט, **איין ביסעלע חן דארף מען טרעפן אין די אויגן פונעם אייבערשטען האט מען אלעס, טאמער מען פארלירט דעם ביסעלע חן אין די אויגן פונעם אייבערשטען האט מען גארנישט**, אם אתה תבא אל ביתי זאגט דער אייבערשטער, אז דו וועסט זיך געוויינען צו קומען אין ביהמ"ד צו לערנען און דאווענען, דעמאלס אני אבא אל ביתך, וועל איך קומען צו דיר אינדערהיים.

## התקן עצמך בפרוזדור כדי שתכנס לטרקלין

דאס איז די קבלה וואס מען דארף אויף זיך מקבל זיין ווען מען גייט ארויס פון אזעלכע דערהויבענע טעג, נישט צו לאזן עס אין ביהמ"ד, נישט צו לאזן עס נאר פאר ראש השנה און יום הקדוש, נאר מיטנעמען מיט זיך די הייליגע מחשבות וואס מען האט געהאט במשך פון דעם יו"ט, מיטנעמען די קבלות טובות וואס מען האט גענומען אויף זיך דינען דעם אייבערשטען, וויסן אז אונז לעבן נישט אויף דער וועלט פאר קיין שום זאך, נאר צו טוהן מצוות און מעשים טובים, אן דעם האבן אונז גארנישט אויף דער וועלט, **התקן עצמך בפרוזדור כדי שתכנס לטרקלין, איין זאך וואס א מענטש דארף צילן זיין גאנצן לעבן, זיך צוצוגרייטען אויף דער וועלט, ער זאל האבן מיט וואס אוועקצוגיין פון דער וועלט. און דאס איז נישט קיין נפקא מינה ווי יונג ווי מען איז, צו ווי אלט מען איז, קיינער ווייסט נישט זיינע יאהרן וואס מען האט אים אנגעשריבען, שטענדיג דארף מען זיין צוגעגרייט אויף דעם, מען זאל טוהן מצוות ומעשים טובים מען זאל האבן מיט וואס אהיימצוגיין, דאס איז אונזער עבודה אויף דער וועלט**, אויסצונוצן די צייט נישט נאר אין עניני רוחניים, וואויל איז דעם וואס קען זיצן אין ביהמ"ד און לערנען

שטענדיג, נאר אפילו דער וואס קען נישט, ער מוז גיין אויף דער גאס, ער מוז עוסק זיין אין מסחר, דער אייבערשטער האט דאך אזוי באשאפן דער וועלט, אבער טו אלעס מיט א כוונה לשם שמים, האנדלן עסן און טרינקען, אלעס זאל זיין מיט א ציל פארן אייבערשטענ'ס וועגן.

## אנו מבקשים מאת ה' שנזכור תכלית חיינו בעולם הזה

דוד המלך זאגט אין תהלים, מען האט געזאגט אינעם מזמור לדוד ה' אורי (תהלים כז) די גאנצע הייליגע טעג, אחת שאלתי מאת ה', איינס בעט איך פונעם אייבערשטען, אותה אבקש, שבתי בבית ה' כל ימי חיי, איך זאל קענען זיצן בבית ה' מיין גאנץ לעבן, לחזות בנועם ה' ולבקר בהיכלו, כי יצפנני בסוכה ביום רעה יסתירני וגו'. ער זאגט א דאפעלטער לשון, אחת שאלתי מאת ה', איינס בעט איך פונעם אייבערשטען, אותה אבקש, דאס בעט איך, ער האט דאך שוין געזאגט אחת שאלתי מאת ה'.

נאר פשט דערפון איז, מען זאגט אזוי רואיגערהייט יעדן טאג אחת שאלתי מאת ה' אותה אבקש, איך בעט נישט עפעס אנדערש, נאר שבתי בבית ה' כל ימי חיי, איך זאל קענען זיצן בבית ה' דעם גאנצן טאג, נו, מען געט דיר אסאך טעג וואס דו קענסט זיצן אין ביהמ"ד און דו זיצט נישט, מען געט דיר א שבת קודש, וואס דו קענסט זיצן אין ביהמ"ד א גאנצן טאג פון צופרי ביז ביינאכט, זונטאג געט מען דיר אוף פון די ארבעט, און דו קענסט אגאנצן טאג זיצן אין ביהמ"ד און דו זיצט נישט, און מען קומט און מען זאגט פארן אייבערשטען אחת שאלתי מאת ה', איך בעט פון דיר איין זאך, שבתי בבית ה' כל ימי חיי, איך זאל קענען זיצן א גאנץ לעבן בבית ה'.

נאר דוד המלך זאגט, אוודאי בין איך נישט ליידער אין די מדרגה אז איך זאל פארלאנגען צו זיצן מיין גאנץ לעבן בבית ה', אבער געב מיר אריין די תשוקה אז 'אותה אבקש', איך זאל דאס כאטשיג זוכען, איך זאל וויסן אז דאס דארף זיין דער ציל פונעם לעבן, אחת שאלתי מאת ה', איין זאך בעט איך פונעם אייבערשטען, וואס בעט איך, אז אותה אבקש שבתי בבית ה' כל ימי חיי, דער באשעפער זאל מיר געבן דעם שכל צו פארשטיין, אז אפילו מען קען נישט זיצן אין ביהמ"ד שטענדיג, אבער מיין ציל דארף זיין, ווען וועט שוין אנקומען די צייט אז איך וועל יא אריינקומען אין ביהמ"ד, ווען וועט זיך שוין ענדיגן די טאג ארבעט אז איך זאל קענען זיין אין ביהמ"ד, ווען וועל איך קענען צופרי אופשטיין צו קענען קומען אין ביהמ"ד דאווענען, ווען וועט די אייבערשטער געבן אין די עלטערע יאהרן, אז איך זאל קענען איבערלאזן אלעס, און זיך קענען אריינזעצן אין ביהמ"ד לערנען, אפילו איך בין נישט דערביי יעצט שבתי בבית ה' כל ימי חיי, אבער אחת שאלתי מאת ה', אז אותה אבקש, דאס זאל איך שטענדיג זוכן, שבתי בבית ה' כל ימי חיי, מיט די מחשבה גייט א איד אוועק פון די הייליגע טעג.

## מיד בעבור ימי החג יסדר סדריו בתורה ותפלה והשבתות

**יעצט איז דער צייט מוציא זיין מן הכח אל הפועל, תיכף מאכן א סדר, וויאזוי וועט אויסקוקן מיין דאווענען יעדן טאג, מיט וועלכע מנין וועל איך דאווענען, איך זאל נישט דארפן אפכאפן דאס דאווענען, נאר איך זאל קענען דאווענען געהעריג, ווער וועט זיין מיינע חברותות אויף די שיעורי תורה וואס איך גיי לערנען, וויאזוי וועט מיין שבת אויסזעהן, וויפיל שעה'ן וועל איך זיצן אין ביהמ"ד שבת, וויאזוי וועל איך פארברענגען מיט מיינע קינדער דעם שבת טיש, זינגען זמירות, פארציילען פאר זיי סיפורי צדיקים, אריינברענגען א ווארימקייט אינעם שטוב.**

**דאס אלעס ווענד זיך וויאזוי מען טוט יעצט ארויסגיין פונעם יו"ט, און זיך פארנעמען די אלע קבלות וואס מען האט אויף זיך גענומען, דער סור מרע, מטהר זיין אלע טומאות וואס עס איז דא אינעם שטוב, אם אתה תבא אל ביתי זאגט דער אייבערשטער, אז אונז וועלן קומען אינעם בית ה', אני אבא אל ביתך, נעמען אונז מיט דעם רבונו של עולם אהיים צו זיך אין שטוב, ווען מען גייט אוועק מיט ריינע כוונות פון דעם יו"ט, נעמט מען מיט דעם רבוש"ע צוזאמען מיט זיך. דער אייבערשטער זאל געבן אז די השפעות טובות וואס דער יו"ט ברענגט מיט זיך מיט, אזויפיל הייליגע מחשבות וואס דער מענטש האט געהאט, וואס יעדע מחשבה טובה ברענגט דאך א געוויסע שפע אויפן מענטש, וואס ער איז דבוק דעמאלס אינעם אייבערשטען, אלעס זאל מען מיטנעמען מיט זיך אינדערהיים.**

זאל דער אייבערשטער אונז געבן, אונז זאלן האבן א שנה טובה ומתוקה, א ליכטיג יאהר, א זיס יאהר, און א פרייליך יאהר. דער באשעפער זאל בענטשען דעם גאנצן כלל ישראל בבני חיי ומזוני, דער באשעפער זאל געבן קינדער, גערעטענע קינדער, זרעא חיא וקימא פאר דער וואס דארף צו האבן, און פאר די אלע וואס האבן קינדער זאל דער אייבערשטער געבן מען זאל זעהן נחת ביי די קינדער, קענען זיי ווייטער ערציען ערליך לתורה ולחופה ולמעשים טובים. דער באשעפער זאל געבן געזונט, לאנגע יאהרן פאר יעדן איינעם. און פרנסה בהרחבה, א פרנסה וואס זאל נישט זיין פארבינדען מיט קיין איסורים, א פרנסה וואס מען זאל האבן הרחבת הדעת צו קענען זיצן און לערנען און דינען דעם אייבערשטען, א פרנסה וואס מען זאל נישט געשטערט ווערן פון עבודת ה', און מען זאל זוכה זיין צו דינען דעם אייבערשטען ווי עס דארף צו זיין. מען זאל שוין זוכה זיין צו די גאולה וישועה בביאת בן דוד במהרה בימינו אמן.

נתנדב לע"נ האשה החשובה חנה בת ר' אליעזר הכהן נפטרה ג' כסלו שנת תש"ע לפ"ק. תנצב"ה